נחמן מייזיל י. ל. פרץ זיין לעבן און שאַפֿן

נ״י: איקוף, 1945.

# הויפּט־דאַטעס פֿון פּרצעס לעבן און שאַפֿן

1852. 18טן מאַי געבוירן אין זאַמאָשטש, ביי יהודה און רבקה (ריוועלע) פּרץ. די מוטער — רבקה — איז געבוירן אין זאַמאָשטש, איר מיידל־נאָמען — לעווין. אין זאַמאָשטש האָט פּרץ געלעבט ביז אַרום 1870־1871.

1870. אָדער 1871 חתונה געהאַט מיט שׂרה, די טאָכטער פֿון דעם משׂכּיל און העברע־אישן שרייבער גבריאל יהודה ליכטענפֿעלד. געלעבט אַ פּאָר יאָר אין אַפּס, צווישן (סאַנדאָמיר) א. אַ. געבוירן צוויי זין: יעקב — פֿרי געשטאָרבן — און לייזער (לוציאַן).

1874. צונויפֿגעשטעלט אַ העפֿט פֿון אייגענע פּוילישע לידער. אין דער זעלבער צייט און אויך אַ פּאָר יאָר שפּעטער פֿאַרפֿאַסט לידער אין יידיש, וואָס זיינען פּאָפּולער געווען אין זאַמאָשטש און אומגעגנט. זיי זיינען געלייענט און געזונגען געוואָרן דורך די יונגע־לייט. זיך געגרייט פֿאַר אַ בוכהאַלטער.

1875. זיך געשיידט מיט זיין פֿרוי שׂרה, געלעבט אַ צייט אין וואַרשע, געגעבן העברע־אישע לעקציעס, זיך באַקענט מיט די וואַרשעווער משׂכּילים־שרייבער.
דעביוטירט אין העברעאישן זשורנאַל „השחר" (ווין, רעדאַקטאָר פּרץ סמאָלענסקין) מיט אַ פֿאַבל „השותּפֿות"; „התגשמות והירח" אין ג. י. ליכטענפֿעלדס ספֿר „תּוספֿת להערבון".

1876. פֿאַרעפֿנטלעכט אין „השחר" אַ ליד „חלוקת החכמות" און „לי אומרים"; אין א. ב. גאָטלאָבערס „הבוקר או" אַ העברעאישע פּאָעמע „נגניאל".

1877. אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט ג. י. ליכטענפֿעלד אַ זאַמלונג העברעאישע לידער און פּאָעמעס „סיפּורים בשיר ושירים שונים". פֿאַרעפֿנטלעכט אין „הבוקר אור" אַ גרעסערע פּאָעמע „קידוש השם".
אָפּגעגעבן עקזאַמען און אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן אין זאַמאָשטש ווי אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט.
אויגוסט־חודש זיך באַקענט מיט העלענאַ (נחמה) רינגעלהיים פֿון לענטשנע, ווערט פֿאַרקנסט און שרייבט איר אָפֿטע לענגערע בריוו אין פּויליש, רוסיש.

1878. 14טן פֿעברואַר חתונה געהאַט מיט העלענאַ, אָרדנט זיך איין אין זאַמאָשטש אויף גאַנצע צען יאָר ווי אַ דערפֿאָלגרייכער אַדוואָקאַט, מיט אַ טעטיקער קאַנצע־לאַריע (אָפֿיס), וואָס באַשעפֿטיקט צייטנווייז עטלעכע מענטשן. פֿאָרט אָפֿט אַרויס מיטן געריכט אין די דערבייאיקע שטעטלעך.



1879. ערשטע דערמוטיקנדיקע נאָטיץ אין „השחר" פֿון פּרץ סמאָלענסקין וועגן פּרצעס העברעאישע לידער. ס׳קומט אַן איבעררייס פֿון עטלעכע יאָר, פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט נישט קיין שום זאַך.

1886. נאָך אַ הפֿסקה פֿון קנאַפּע 10 יאָר באַווייזט זיך אין נ. סאָקאָלאָווס העברעאישן „האסיף" מיט אַ פּאָעמע „מנגינות הזמן", דריי נאָוועלן און אַ ליד; אין „הצפֿירה" מיט אַ דערציילונג „הציץ ונפֿגע" (דער רעדאַקטאָר האָט געקירצט, איבערגעריסן און ווידער פֿאָרגעזעצט); „הקדיש" אין „היום".

1887. פֿאַרעפֿנטלעכט אין זאַמלבוך „כּנסת ישׂראל" אַ פּאָעמע „לעלמה העבריה והיא מתנכּרה". שרייבט אָן דעם ערשטן וואַריאַנט פֿון „מאָניש".
פֿאַרלירט, צוליב אַ מסירה, זיין רעכט צו פּראַקטיצירן ווי אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט, שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט, בלייבט מיט דער פֿרוי און זון אָן קיין מיטלען צום לעבן. זוכט אַ באַשעפֿטיקונג.

1888. פֿאַרבינדט זיך שריפֿטלעך מיט שלום־עליכם אין קיעוו, וואָס קלייבט זיך אַרויס צוגעבן זאַמלביכער „די יידישע ביבליאָטעק". שיקט אים זיין „מאָניש", וואָס ווערט געדרוקט, מיט אייניקע אויסבעסערונגען פֿון ש״ע, אין באַנד I. אין 2טן באַנד ווערן געדרוקט „דער כּעלמער מלמד", „ווענוס און שולמית", „דער משוגענער בטלן".

1889. פֿאָרט אַריבער קיין וואַרשע זיך איינצואָרדענען. טרעט אויף מיט רעדעס אויף העברעאיש.

1890. מאַכט אַ רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט מיט דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע. עס דערשיינט פּרצעס אַ זאַמלונג דערציילונגען „בעקאַנטע בילדער" („דער משולח", „וואָס הייסט נשמה", „דער משוגענער בטלן"), מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון יעקב דינעזאָן.
30סטן דעצעמבער דערלאַנגט אַ ביטע צו דער וואַרשעווער גמינע מ׳זאָל אים אָנע־מען ווי אַ באַאַמטן.
„דער תּענית" און „דער קליינער וועקער" (אָדעס).

1891. 1טן יאַנואַר אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער גמינע, וואו געאַרבעט קרוב צו 25 יאָר.
אַרויסגעגעבן צוויי זאַמלביכער „יידישע ביבליאָטעק", וואו צווישן אַנדערע גע־דרוקט: 1 באַנד: „אײנעם פּאָסט־וואָגאָן", „שלום־בית", „ר׳ בערל", „דער נייער ניגון"; אייניקע לידער („דער נביא יחזקאל", „דער בעל־עגלה" א. אַ.); אַ נעקראָלאָג וועגן מיכל גאָרדאָן א. אַ.; דעם גרויסן אַריינפֿיר: אַרטיקל „בילדונג" א. אַ.; 2טער באַנד: „האַלט׳ס ס׳מויל", „מענדל בריינעס", „אַ קלעזמערס טויט", „ס׳הערצל צאַנקט", „די אלמנה", „די לעזערין"; „בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אום 1890" (23 קאַפּיטלען), פֿאַרשיידענע לידער און קריטיק איבער פֿאַרשיידענע ביכער און ביכלעך.

1892. פּאָעזיע (אַ זאַמלונג לידער — „כּסא שלמה", „דעם לייבס לחיה", קליינע גע־דיכטע).

פּאָעזיע, צווייטער העפט. „מאָניש“ (באַלאַדע), מיט אַ צושריפט: „געדרוקט אין „פאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט די באַלאַדע געליטן פון רעדאַקטאָרס שער און פעדער, די גאָרקרענקסטע אייגנליבע האָט מיך באַוואויגן זי איבערצושרייבן, און גוטע פריינט — איבערצודרוקן“.

„פאַרשטערטער שבת“ אין ה. עפּעלבערגס „קאַלענדאַר“.

„האלמת“ (דערציילונג), אַ ביכל אין בן־אביגדורס „ספרי אגורה“.

אַ שאַרפע קריטיק פון שלום־עליכם אויף פּרצן.

1893. „חער עס חיל נישט, שטאַרבט נישט אויף כאָליערע“ — אַ באַזונדער ביכל. אייניקע זאַכן אין ה. עפּעלבערגס „קאַלענדאַר“.

הויבט זיך אָן צו באַטייליקן אין די אַמעריקאַנער „אַרבעטער צייטונג“ און „צוקונפט“. צווישן אַנדערן דאָרט געדרוקט: „קליינע מעשיות פאַר גרויסע קינדער“, „דאָס גליק אין קעלער־שטוב“, „אַ ידענע“, „דאָס שטריימל“.

1894. אַרויסגעגעבן 10 „יום־טוב־בלעטלעך“: לכבוד פסח, דער פייל און בויגן, גרינס אויף שבועות, דער תענית, די טרייסט, דער שופר, הושענא, דאָס חנוכה־ליכטל, שבת־אויבס, המן־טאַש. צווישן אַנדערע דאָרטן פאַרעפנטלעכט: „די רויז“, „די נאַכט־חעכטער“ (ליד), „פונוואַנען נעמט זיך: „ער שפּילט פאַרן טייוול ז“, „מקובלים“, „דער חלום“, „נס חנוכה“.

אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן“, וואו צווישן אַנדערע געדרוקט: „אין קעלער שטוב“ (אין „אַרבעטער־צייטונג“ האָט עס געהייסן „דאָס גליק אין אַ קעלער־שטוב“), „באַנציע שווייג“, „הכנסת כלה“, „דאָס שטריימל“, „קליינע מעשיות פאַר גרויסע מענטשן“ (10 מעשהלעך), פאַרשיידענע לידער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע. „געולה“ אין מ. ספּעקטאָרס „הויז־פריינד“; „יאָסל ישיבה בחור“ און „דאָס אָרעמע יינגל“ (אַ זאַמלונג קליינע דערציילונגען, בילדער).

דערשינען צוויי העפטן פון אברהם גאָלדבערג (דוד פרישמאַן), — פּאַשקווילן קעגן פּרצן: „לאָקשן“ און „אַ פלוי אויף תשעה באב“.

אין ניו־יאָרקער „אַרבעטער צייטונג“ אייניקע לידער און דערציילונגען.

1895. אַרויסגעגעבן חייטערדיקע 7 „יום־טוב־בלעטלעך“: כל חמירא; דער עומר, ביכורים, תמוז, לשנה טובה, עונג שבת, חמשה־עשר (אַ פּאָר העפטלעך דערשינען אין 1896), וואו צווישן אַנדערע געדרוקט: „די ניטאָרין“, „דעם רבינס ציבוק“, „מעשהלעך פון דול־הויז“, „אַז מע זאָגט משוגע — גלויב“, „חתונה געהאַט“, „ביי דעם פרעמדן חופּה־קלייד“.

אַרויסגעגעבן „די ידישע ביבליאָטעק“, באַנד 3, וואו פאַרעפנטלעכט: „אַ כעס פון אַ ידענע“, „בשעת מגפה“, „דער פעטער שכנא און די מומע יאַכנע“, א. אַ. — אייניקע פון די דערמאָנטע זאַכן אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער „צוקונפט“.

אַרויסגעגעבן די העברעאישע זאַמלונג „החץ“ (פייל) און אַ זאַמלונג העברעאישע ליבע־לידער „העוגב“.

1896. צוגעגרייט צום דרוק אַ זאַמלונג „פאָלקס לידער“ (42 לידער), דערלויבט דורך דער צענזור אָבער נישט פאַרעפנטלעכט.



1897. „חעבער־ליבע“ (דערציילונג אין בריוו) אין ניו־יאָרקער „אָוונט־בלאַט“; „ספורי יוחנן המלמד“, „מאן דיהוב חיי יהוב מזונא“ („הצפירה“).

1898. זעצט פאָר צו זאַמלען פאָלקס־לידער, פּובליקירט אין חינער דייטשישן זשורנאַל „אורקוועל“ 6 ידישע פאָלקס־לידער מיט לאַטייִנישע אותיות, מיט דערקלערונגען און איבערזעצונגען.

1899. הויבט אָן מיטצואַרבעטן אין „יוד“, וואו ער פאַרעפנטלעכט „אייזיקל שוחט“, „די פאַרשאָלטענע ברונע“, „קלאָג־געשיכטן“.

אויגוסט־חודש ווערט ער אַרעסטירט (צוזאַמען מיט מ. ספּעקטאָר אויף אַ אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג), זיצט אָפּ אַ פּאָר חדשים אין וואַרשעווער 10טן פּאַוויליאָן. אַרויס פון פעסטונג מער רעוואָלוציאָנער פאַרהאַרטעוועט.

אָנגעהויבן צו דערשיינען די העברעאישע „כתבים“ און „תושיה“ (4 בענד) פאַרענדיקט אין 1901.

1900. פאַרעפנטלעכט אין „יוד“: „אויב נישט נאָך העכער“, „אַלטחאַרג“, „אַ שמועס“, „די פאַרשטויסענע“, „חסידיש“, „צווישן צוויי בערג“, „אַ גלגול פון אַ ניגון“, „הגרות הללו“.

1901. ל״ג בעומר, געפייערט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן זיין יובל (25־יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — גערעכנט פון זיינע ערשטע העברעאישע לידער), אַרויסגעגעבן דורך אַ גרופּע פריינט אַ פולע אויסגאַבע פון פּרצעס „שריפטן“. באַגייסטערטע אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען אין ידישע און העברעאישע צייטשריפטן.

פאַרעפנטלעכט אין „יוד“: „באַרג אַראָפּ“, „אַ שניידערישער פּורים“, „אויף אַ זומער־וואוינונג“, „שכנא“, „דריי חופות (צוויי רויטע און איין שוואַרצע)“, „ער זכרונו לברכה און זיינע מקורבים“.

פאַרעפנטלעכט „בריוו אויס וואַרשע“ א״פ ישראל שווערגעמיט.

פאַרענדיקט די העברעאישע אויסגאַבע אין „תושיה“ (4 בענד), תמונות, ציורים, ספורים.

1902. אין „יוד“: „משנת חסידים“, „ר׳ שלמה און זיינע מעשהלעך“, „דער נדבן“, „ווי אַזוי די וואַלד־ישיבה איז בטל געוואָרן“ (אַן איבערגעאַרבעטער פרעמדער מאָטיוו, פון טשעכאָוו). פאַרעפנטלעכט א״פ די ביהן און י. ל. צופעליג איבער זיכטן „שטעט און שטעטלעך“ („יוד“) און „פון חודש צו חודש“ („די ידישע פאַמיליע“).

1903. הויבט אָן מיטצואַרבעטן אין „פריינד“ (ערשטע טעגלעכע ידישע צייטונג אין רוסלאַנד). פאַרעפנטלעכט דאָרט צווישן אַנדערן זיינע חייטערדיקע פאָלקס־טימלעכע געשיכטן.

ס׳ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם „פריינד“ פּרצעס אַ גרויסער באַנד „שריפטן“ פאַרעפנטלעכט אין העברעאישן „השלח“, „חורבן בית צדיק“ — ערשטער וואַריאַנט פון „די גאָלדענע קייט“.

געמאכט [illegible] ערשטע רייזע קיין אויסלאנד צו קורירן זיך.

אנגעהויבן זיין שטענדיקע מיטארבעטשאפט אין העברעאישן „הצופה" (װארשע).

1904. באנייט די „יידישע ביבליאטעק", װי א חודש־זשורנאל, ארויס 6 נומערן, װאו צ. א. פארעפנטלעכט: „יעקב דינעזאן" (כאראקטעריסטיק), „ספקות" (ליד), „ר' נחמנקעס מעשיות" (7 קאפיטלען) א. א. „דער קונצנמאכער", „ס'איז גוט", „דער הינטישער סדר" אין פעטערבורגער „דער פריינד"; „ס'ברענט" (איינאקטער) אין „פריינד"; „די פיר אבנים טובות" אין א. רייזענס זאמלבוך „פראגרעס".

1906. אין אפריל אויפגעפירט פרצעס „דער נסיון" (א דראמע אין 4 אקטן, א װאריאנט פון „די גאלדענע קייט") אין װארשעװער יידישן טעאטער. באטייליקט זיך אין דער יידישער טעאטער־סטודיע פון דוד הערמאן. אין „הזמיר" אויפגעפירט פרצעס „ס'ברענט". פארבינדט זיך מיט אמעריקאנער יידישן טעאטער אין אמעריקע װעגן אויפפירן זיינע דראמאטישע שאפונגען. דערנענטערט זיך צום יידישן טעאטער, שרייבט ארטיקלען און רעצענזיעס.

דערשינען דריי ביכלעך דערציילונגען אין מינסקער פארלאג „קולטור".

1907. פארעפנטלעכט ערשטן װאריאנט פון „ביינאכט אויפן אלטן מארק" אין פארזעצונגען אין װארשעװער „ראמאנצייטונג".

„די גאלדענע קייט" א דראמע פון חסידישן לעבן, אין צװיי אקטן, אין װייסן פערז, אין זאמלבוך „די װעלט", 1907, אויך אין „צוקונפט".

אונטער זיין אנפירונג אויפגעפירט אין פלאצק זיינע איינאקטערס „ס'ברענט", „שװעסטער", און פארפאסט „שאמפאניער".

„שאמפאניער" (איינאקטער) דערשינען אין ניו־יארק.

1908. פארעפנטלעכט זיין „אין פאליש אויף דער קייט" (אין „ליטעראַרישע מאנאט־שריפטן").

באטייליקט זיך אין דער טשערנאװיצער שפראך־קאנפערענץ (װיצע־פארזיצער), װאו ער טרעט אויף מיט רעפעראטן און באטייליקט זיך אין פארשיידענע אונטערנעמונגען אין א ריי שטעט אין גאליציע.

צוגעטראטן ארויסצוגעבן „אלע װערק" דורך װארשעװער „פראגרעס" אין 10 בענד, פארענדיקט אין 1913. ב' 1 — פאלקסטימלעכע געשיכטן, ב' 2 — די צייט, ב' 3 — דראמען, ב' 4 — אדם וחוה, ב' 5 — חסידיש, ב' 6 — סקיצן און בילדער, ב' 7 — פאר קליין און גרויס, ב' 8 — אויפזאצן און פעליעטאנען, ב' 9 — אלט און ניי, ב' 10 — פון שטוב אין גאס.

1909. אנגעהויבן ארויסצוגעבן „די יידישע װאכנשריפט" (דערשינען 4 נומערן), װאו פארעפנטלעכט זיין באװאוסטן ארטיקל װעגן יידיש און העברעאיש.

קלייבט זיך צו פארן קיין אמעריקע צו ארגאניזירן א יידישע אויסגאבע פאר אלע לענדער. די רייזע נישט צושטאנד געקומען.

1910. שאפט אן אקציען־געזעלשאפט צו בויען א יידיש טעאטער.



נייער װאריאנט פון „מאניש" אין ה. עפעלבערגס „טעאטער־װעלט".

ארויסגעגעבן די זאמלביכער „יידיש" (צװיי בענד).

באזוכט פארשיידענע שטעט מיט רעפעראטן.

1912. באזוכט װילנע און אנדערע שטעט.

זיך באטייליקט אקטיװ אין דער װאל־קאמפאניע צו דער פערטער „גאסודארסטװענע דומע", אויפגעטראטן אויף פארװאל־פארזאמלונגען, געדרוקט קעמפערישע ארטיקלען, געהאט אויסצושטיין פיל זארגן און אנפאלן.

פארעפנטלעכט „כרת", „מאטל פרינץ", „אויף דער פרישער לופט" א. א. אין „פריינד" און אין „צוקונפט".

1913. דאס ליד דער לידער, שלמהס „שיר־השירים", פאריידישט, אין „צוקונפט".

„דער פארטוך", „א חלום פון א ליטװישן מלמד" אין „צוקונפט".

אנגעהויבן צו פארעפנטלעכן „מיינע זכרונות" אין װילנער „יידישע װעלט".

שיקט א באגײַסטערטע באגריסונג צו דער „דזשואיש פאבליקיישן סאסייעטי" אין פילאדעלפיע, װאס האט אין 1906 ארויסגעגעבן אין ענגליש א באנד פרצעס דערציילונגען (איבערזעצט פון העלענא פראנק).

אויסגעקליבן אלס ערן־מיטגליד פון דער חברה „מפיצי השכלה".

1914. פארעפנטלעכט די דרייאקטיקע דראמע „דער הויקער" (אין „דאס לעבן").

זיך באגעגנט מיט ש"ע אין װארשע און זיך שטארק באפריינדט מיט אים.

מיטן אויסברוך פונעם װעלט־קריג, הויבן זיך אן רדיפות און בלבולים אויף יידן. הימלאזע יידן לויפן קיין װארשע. פרץ װארפט זיך אריין אין הילפס־ארבעט צו הימלאזע, העלפט גרינדן קינדער־היימען און שרייבט פאר זיי קינדער־לידלעך. שענקט אװעק טייערע שטוב־חפצים פאר דער הילפס־אקציע.

זעצט איבער „קוהלת".

פארעפנטלעכט נייע צװיי קאפיטלען פון „מיינע זכרונות".

1915. פארעפנטלעכט „נעילה און גיהינום" (אין „יידישע װעלט", װילנע).

דעם 3טן אפריל, שבת האלב 9 אינדערפרי, דעם דריטן טאג חול המועד פסח, פלוצלונג געשטארבן פון א הארץ־אטאקע.

אויף דער לװיה האבן זיך באטייליקט ביז 100 טויזנט מענטשן.